ברוכה לאַנג
פֿעברואַר 1995

## ס'איז שוין אויס – שוין אויס די השׂכּלה,
## דאָס קליינע מענטשעלע האָט די ממשלה.

### שלום־עליכמס „אַ מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס“

ס'איז זיכער נישט קיין צופֿאַל, אַז שלום־עליכם האָט אָנגערופֿן די אײַזנבאַן־געשיכטע וועגן פּרויען־האַנדל „אַ מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס,“ און אַז דאָס וואָרט „מענטש“ (טאַקע אין גענדזן־פֿיסלעך) פֿיגורירט עטלעכע מאָל אין דער דערציילונג. דאַכט זיך, אַז אָט די דערציילונג האָט נאָענטע באַציִונגען מיט אַבראַמאָוויטשעס קליינע מענטשעלע, נישט נאָר וואָס שייך טעמע, נאָר אויך וואָס שייך געבוי. לאָמיר טאַקע אָנהייבן מיטן געבוי.

מאָטעק, דער מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס, פֿאַרבעט דעם קאָמי־וואָיאַזשער אַרײַן אין סטאַנציע־בופֿעט דרײַ מאָל (74, 78, 83). נאָך יעדן אָפּשטעל הייבט זיך אָן אַ נײַער טייל פֿון דער דערציילונג, אין וועלכער דער מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס גיט איבער בקיצור זײַן לעבנס־געשיכטע. די ווײַטערדיקע סכעמע ווײַזט אָן אויפֿן אינהאַלט פֿון יעדן טייל:

| ערשטער טייל | צווייטער טייל | דריטער טייל |
|---|---|---|
| 1. *אַלגעמיינע אַנטוויקלונג*<br>קינדהייט און אָרעמקייט | ארויפֿאַרבעטן זיך, הצלחה | בעל־הביתעווען |
| 2. *אָרט*<br>שטעטל,<br>אַרגענטינער רויע ערד | בוענאָס־אײַרעס + גרויסע<br>שטעט איבער דער וועלט | די ייִדישע וועלט,<br>שטעטל |
| 3. *עיקר־טעמע*<br>בילדונג | טבֿע פֿון די געשעפֿטן | דער פּועל־יוצא פֿון<br>דער הצלחה |

די סכעמע איז אונדז באַקאַנט (אַחוץ די טיילן, וואָס האָבן ספּעציעל צו טאָן מיט בוענאָס־אײַרעס) פֿונעם משׂכּילישן בילדונגסראָמאַן. דאָ איז דער סיפּור־המעשׂה

אָפּט אײַנגעטײלט אין דרײַען; יעדער טײל קומט פֿאָר אין אַן אַנדער אָרט און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אַנדער טײל פֿונעם העלדס בילדונג. אין אַקסנפּעלדס שטערנטיכל, למשל, קעמפֿט מיכל ספּאָנטאַן קעגן דעם חסידישן אײַנגלײבעניש אין זײַן הײמשטעטל אינעם ערשטן טײל; אינעם צװײטן לערנט ער זיך אױס משׂכּילישע עיקרים בײַ אַקסמאַנען אין ברעסלע; און אינעם דריטן קערט ער זיך אום אין אַ צװײטן שטעטל: אַ דאַנק אַקסמאַנס דערציִונג קען ער דאָרטן טאַקע עפּעס פּועלן קעגן דעם חסידישן אײַנגלײבעניש. יצחק־אַבֿרהם תּקיף, אבראַמאָװיטשעס „קלײן מענטשעלע," פֿאַרברענגט די קינדער־יאָרן אין גאָר אַ קלײן שטעטל, בעזליודע, װוּ ער לײַדט פֿון שלעכטע מלמדים און שלעכטע בעלי־מלאָכות; אין צבֿיעטשיק, אַ גרעסער שטעטל, װערט ער באַקאַנט מיט די פּרינציפּן פֿונעם משׂכּיל, גוטמאַן, אָבער נעמען נעמט ער אָן די שיטה פֿון ר' איסרן דעם שאַרלאַטאַן; אין גלופּסק, דער גרױסער ייִדישער שטאָט, װענדט ער אָן אַלץ, װאָס ער האָט זיך אױסגעלערנט בײַ ר' איסרן און װערט דער גאַנצער תּקיף. מאָטעקס אַלגעמײנע אַנטװיקלונג פֿון אָרעמקײט ביז גבֿיר און בעל־הבית (ערשטע שורה פֿון דער סכעמע) איז זײער ענלעך; אַנדערע אַספּעקן פֿון דער סטרוקטור (צװײטע און דריטע שורות פֿון דער סכעמע) װײַזן אָן אױף אינטערעסאַנטע אונטערשײדן.

מיט די דרײַ טײלן פֿון מאָטעקס לעבנס־באַשרײַבונג, צו װעלכע מיר װעלן זיך תּיכף צוריקקערן, איז אונדזער צעגלידערונג פֿון דער סטרוקטור נישט פֿאַרענדיקט. די ביאָגראַפֿיע װערט אַרומגערינגלט פֿון אַ גערעם: די מעשׂה פֿון מאָטעקס באַקאַנטשאַפֿט מיטן קאָמי־װאָיאַזשער אין דער באַן, דערצײלט פֿונעם קאָמי־װאָיאַזשערס קוקװינקל. אין דעם פּרט ענדלט „דער מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס" מער צו דאָס קלײנע מענטשעלע אײדער צום שטערנטיכל. אַבראַמאָװיטש באַניצט זיך אױך מיט אַ גערעם (מענדעלע), װאָס פֿרעגט אָפּ די משׂכּילישע עיקרים פֿון דער „מעשׂה אַלײן," בעת אַקסנפֿעלד װיל, מיר זאָלן אָננעמען זײַן משׂכּילישן מוסר װי ער שטײט און גײט. שלום־עליכמס באַניץ

מיטן גערעם איז ווידער אַנדערש, ווי מיר וועלן שפּעטער זען. אויב אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פֿון אָפּפּרעגן די השׂכּלה, פֿירט אים שלום־עליכם אַ סך ווײַטער.

לאָמיר זיך איצט צוריקקערן צו מאָטעקס לעבנס־באַשרײַבונג. ווי ס'איז שוין קלאָר פֿון דער סכעמע, קען מען אויסטיילן דרײַ פּעדעם אין דער סטרוקטור. דער ערשטער, מאָטעקס אַלגעמיינע אַנטוויקלונג, איז אין פֿלוג אַ פּאָזיטיווע: ער איז מצליח. די דרײַ פּעדעם פֿונקציאָנירן אָבער איינער קעגן דעם צווייטן: דאָס איז איין אופֿן, וואָס שלום־עליכם ווענדט אָן אין דער דערציילונג, כּדי צו שאַפֿן פֿילטײַטשיקייט. מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן אויף יעדן טייל באַזונדערש, ווײַל יעדער טייל באַהאַנדלט פֿאַרשיידענע טעמעס און באַניצט זיך מיט פֿאַרשיידענע מעטאָדן.

דער ערשטער טייל שטעלט אַליין מיט זיך פֿאָר, פֿאַרשטייט זיך בקיצור, דעם מוסטער פֿון אַ בילדונגס־ראָמאַן: אין דרײַ ערטער לערנט זיך אויס דער העלד דרײַ עיקרים. 1. אין זײַן היימשטעטל סאַשמאַקען לערנט ער זיך אויס אויסצושטיין פּעטש, קלעפּ און הונגער (75). 2. ער לויפֿט אַוועק קיין מיטאַווע און קריגט אַ „שטעלע" בײַ אַן אַלטן חזן, וואָס גייט איבער די הײַזער. (יצחק־אבֿרהם אַרבעט אויך פֿאַר אַ חזן.) דער חזן דערציילט שקרים כּדי צו דערוועקן די מיטלייד פֿון די מענטשן, און מאָטעק דאַרף אים אונטערהעלפֿן מיט אַ „קרום פּנים" (76). פֿון אים לערנט ער זיך אויס די קונסט פֿון זאָגן ליגנס און מאַכן אַן אָנשטעל. 3. אין אַרגענטינע אַרבעט ער אַ קורצע צײַט אויף דער ערד. ווען ער קוקט זיך איין מאָל אָן אין אַ טײַך און זעט, ווי זײַן גוף האָט געליטן, אַנטלויפֿט ער גלײַך קיין בוענאָס־אײַרעס (77). קיין הויכע פּרינציפּן האָט ער נישט: ווײַבאַלד ער זעט, אַז פֿון דער ערדאַרבעט וועט ער נישט אַרויס קיין גאַנצער, מאַכט ער פּליטה. בײַ אים איז וויכטיק נאָר זיך אַליין. אויסגעלערנט די דרײַ עיקרים, איז ער גרייט אָנצוהייבן זײַן קאַריערע אין בוענאָס־אײַרעס, ווי מיר וועלן

זען אינעם צווייטן טייל.

וואָס שייך אָרעמקייט און הילכיקע פּעטש, זײַנען מאַטעקס קינדער־יאָרן און די פֿון יצחק־אַבֿרהם זייער ענלעך. וואָס שייך בילדונג פֿעלט אָבער בײַ מאַטעקן אַ „גוטער" מוסטער (כאָטש גוטמאַן ווײַזט זיך בײַ אַבראַמאָוויטשן ערשט אין צווייטן טייל); און וואָס שייך אָרט פֿאַרט מאַטעק אַוועק אינעם אַרגענטינער מדבר. ס'איז דאָ אַן אימפּליציטער באַווײַז, אַז די אידעאַלן און האָפֿענונגען פֿון דער השכּלה האָבן זיך גאַנצן באַנקראָטירט: פֿון איין זײַט איז אַפֿילו נישט כּדאַי אַרויסצוזאָגן דעם אידעאַל פֿון פֿירן אַן ערלעך לעבן, פֿון דער אַנדערער זײַט זעען מיר בפֿירוש, אַז די האָפֿענונג, אַז ערדאַרבעט וועט פֿאַרבעסערן דעם כאַראַקטער און דעם מצבֿ פֿונעם ייִדן, טויג אויף כּפּרות.

גלײַך בײַם אָנהייב פֿונעם צווייטן טייל ווערט קלאָר, אַז מאַטעק פֿאָלגט די פּרינציפּן, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אינעם ערשטן.

> ס'איז, הערט איר, אַ קלוגע וועלט און אַ זיסע וועלט און אַ גוטע וועלט, און ס'איז אַ חיות, וואָס מע לעבט אויף דער וועלט! מע דאַרף נאָר זען, מע זאָל זיך ניט לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע. איך האָב מיך געוואָרפֿן, הערט איר, אויף אַלע זײַטן. . . . קיין אַרבעט איז ניט געווען צו שווער פֿאַר מיר. קיין פּרנסה איז מיר ניט געווען מיאוס. . . . אַלע פּרנסות זײַנען שיין. אַבי איר האַנדלט אָרנטלעך און אַבי אַ וואָרט איז אַ וואָרט. (79־80)

ערשטנס האָבן די פּעטש פֿון זײַן „דערציִונג" אים צוגעגרייט, ער זאָל קענען אויסשטיין די מיאוסטע זאַכן. צווייטנס זאָרגט ער נאָר פֿאַר זיך אַליין („מע דאַרף נאָר זען, מע זאָל זיך ניט לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע"). דריטנס איז אַלץ בײַ אים אַן אָנשטעל. דאָס זעט מען דאָ און דורך דער גאַנצער מעשׂה, אָבער ספּעציעל אינעם צווייטן טייל, אין מאַטעקס שפּראַך. ווי ער וועט באַלד טענהן: „[די מענטשן] האָבן פֿײַנט, אַז מע זאָגט אויף שוואַרץ, אַז ס'איז שוואַרץ, און אויף ווײַס, אַז ס'איז ווײַס. זיי האָבן בעסער ליב, פֿאַרקערט, אַז מע זאָגט זיי אויף שוואַרץ, אַז ס'איז ווײַס, און אויף ווײַס, אַז ס'איז שוואַרץ..." (80). אין אונדזער אויביקן בײַשפּיל הייבט ער אָן מיט אַ זאַך, וואָס לויבט

שאַבלאָניש די וועלט: עס קלינגט דעם לייענער באַקאַנט און זאָל אים באַרויִקן – די וועלט איז דאָך אַ גוטע. די שײנע ווערטער פֿאַרשטעלן אָבער די מיאוסע ווירקלעכקייט, אַז די „קלוגע" וועלט האָט ליב אַרומצוגיין מיט צוגעבונדענע אויגן (ווי עס לערנט אונדז דער שוואַרץ־ווײַס־מעטאַפֿאָר), און אַז ס'איז נאָר אַ „חיות" דאָ צו לעבן, אויב מען נאַרט אַלעמען אָפּ. ווײַטער גיט איבער מאָטעק אַ „געשעפֿטן־עטיק," וואָס קלינגט גאָר בכּבֿודיק. מיט אַ פּאָר שורות שפּעטער איז ער אָבער סותר דעם פֿאַרלאַנג, אַז אַ וואָרט זאָל זײַן אַ וואָרט, מיטן מעטאַפֿאָר פֿון שוואַרץ און ווײַס. מיר דאַרפֿן דאָ צוגעבן, אַז אייגנטלעך זאָגט ער ווייניקע גאַנצע ליגנס: זײַן טעכניק באַשטייט אין פֿאַרשטעלן אָדער באַפּוצן דעם אמת. אַזוי באַשרײַבט ער זײַן סחורה ווי די, „וואָס אַלע ווייסן, נאָר קיינער רעדט נישט פֿון דעם" (80), פֿאַרשטעלנדיק דעם אמת; און צום סאַמע סוף, ווען דער קאָמי־וואָיאַזשער פֿרעגט דירעקט מיט וואָס ער האַנדלט, גיט ער דער מיאוסער ווירקלעכקייט אַ שיין פּנים: „נישט מיט אתרוגים . . . האַנדל איך" (88).

subversive lang

אויף דעם אופֿן ניצט דער מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס אויס די שפּראַך גאָר סובווערסיוו. ער זאָגט קוים אַ ליגן אָבער ער זאָגט אויך נישט קיין קלאָרע דיבורים. אַזוי ווערט נאָך אַ משׂכּילישער אידעאַל אונטערגעגראָבן: די משׂכּילים האָבן דאָך געמיינט, אַז ייִדן וועלן נאָר קומען צום שׂכל, ווען זיי וועלן אויסלערנען רעדן אַזוי, אַז „איטלעכער קען . . . פֿאַרשטיין" (הקדמה צו ווינטשפּינגערל 1865, 32). ווײַטער זאָלן מיר ווידער מאַכן דעם פֿאַרגלײַך מיט יצחק־אַבֿרהמען. ער קוקט צוריק אויף זײַן לעבן מיט חרטה, און צוליב דעם, וואָס ער זאָגט ווידוי, טאָר ער נישט פֿאַרשטעלן דעם אמת. כאָטש ער פּרוווט אַרויסהייבן דאָס, וואָס האָט אים געלאָזט פֿירן אַזאַ מין לעבן, ווייסט ער, וואָס ער איז געווען, און ער זאָגט עס הויך און קלאָר. מיר האָבן געזען אין ערשטן טייל, אַז דער אידעאַל פֿון פֿירן אַן ערלעך לעבן קען אין שלום־עליכמס מעשׂה

אַפּילו נישט דערמאָנט ווערן. דאָ ווערט עס ערגער. יצחק-אַבֿרהם איז כאָטש זיך מתוודה, אַז ס'וואָלט געווען בעסער צו פֿירן אַן ערלעך לעבן און רעדט צום עולם מיט קלאָרע דיבורים; מאָטעק האָט זיך אַזוי אַרײַנגעלעבט אין אַ וועלט, וואָס איז געבויט אויפֿן פֿאַרשטעלטן אמת, אַז אַפּילו – נײַן, ספּעציעל – זײַנע רייד זײַנען נישט קלאָר.

מאָטעקס אופֿן רעדן שפּיגלט אָפּ דעם טבֿע פֿון זײַנע געשעפֿטן, וואָס איז אַן עיקר טעמע אינעם צווייטן טייל. אַזוי פֿאַרמישט ווי זײַנע רייד זײַנען געוואָרן אַלע מאָראַלישע אידעאַלן. דאָס אַלץ איז פֿאַרגעקומען אין בוענאָס-אײַרעס און דערצו זײַנען די געשעפֿטן פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט. דאַכט זיך, אַז בער משׂכּילישער אידעאַל פֿון דער אינטעגראַציע פֿונעם ייִדן אין דער גוייִשער וועלט איז לסוף מקוים געוואָרן, אָבער נישט דורכן באַקענען זיך מיט די גײַסטיקע אוצרות און די גוטע מאַנירן פֿון דער דאָזיקער וועלט...

אינעם צווייטן טייל האָט מאָטעק שוין אַלץ אַרויסגעזאָגט וועגן זײַנע געשעפֿטן און מיר ווייסן, אַז ער וועט ווערן אַ בעל-הבית. אויב אַזוי, פֿאַר וואָס דערציילט ער ווי אַזוי ער קומט אָן צו דער הויכער שטעלע ערשט אינעם דריטן טייל? מיטן אָנקומען אויבן אָן פֿילט ער זיך אַלמעכטיק, און איצט דערציילט ער אונדז, וואָס ער טוט און האָט בדעה צו טאָן מיט דער מאַכט. פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט די מאַכט איז זיך סומך אויף געלט: מיטן ווערן אַ בעל-הבית איז ער אָנגעקומען צו געלט אָן אַ סוף: „איטלעכער פֿון אונדז נעמט זיך אַרויס פֿון שותּפֿות וויפֿל ער דאַרף אויף דער הוצאה" (85).

איצט קומט אַ חידוש: פּלוצלינג לאָזט ער איבער די געשעפֿטן און נעמט גאָר דערציילן וועגן דער צדקה, וואָס ער גיט דער ייִדישער וועלט און וועגן דעם געפּלאַנטן וויזיט אין זײַן שטעטל, ווו ער וויל נעמען אַן „אָנשטענדיק קינד" (87) פֿאַר אַ כּלה. קען עס זײַן, אַז ער האָט דאָך אַ שלעכט געוויסן? דאַכט זיך מיר, אַז נישט. ווי ער

פֿאַרשטייט עס, האַנדלט ער לויט די סטאַנדאַרדן פֿון דער הײַנטיקער וועלט, און ער טוט נישט אָפּ קיין עבֿירה, איז פֿאַר וואָס וואָלט ער געדאַרפֿט באַרויִקן זײַן געוויסן? זײַן שיטן מיט געלט האָט גאָר אַנדערע טעמים. וואָס שייך צדקה, האָט ער ליב, אַז אָרעמע ייִדן זאָלן אים חנפֿענען, אַז תּלמידי־חכמים זאָלן אים שרײַבן בכּבֿודיקע בריוו, ביז ער גיט אַ נדבֿה: אַזוי וואַקסט זײַן גדולה אין די אייגענע אויגן. (ס'איז אפֿשר אויך דאָ אַן עלעמענט פֿון וועלן זיך באַרעכטיקן – דערצו וועלן מיר זיך צוריקקערן.) וואָס שייך חתונה האָבן, באַווײַזט ער אַ שרעקלעך גרויסן צבֿיעות: אים אַרט עס נישט, קאַליע צו מאַכן דאָס לעבן פֿון טויזנטער „אָנשטענדיקע" מיידלעך, נאָר ער אַליין איז נישט גרייט צו נעמען קיין באַפֿלעקטע פּרוי אין בוענאָס־אײַרעס און פֿאָרט אַהיים, כּדי צו געפֿינען אַ ריין מיידל. נישט נאָר דאָס, נאָר ער וועט זי צוריקנעמען אין זײַן האַנדלשטאָט און זי באַהאַלטן אונטער זיבן שלעסער, כּדי זי זאָל בלײַבן פֿאַר אים אַ ריין מיידל.

דער דריטער טייל, ווו מען קערט זיך צוריק צו דער ייִדישער וועלט, גיט זיך אָפּ נישט נאָר מיט דער ווירקונג פֿון די אומבכּבֿודיקע געשעפֿטן אויף מאָטעקס כאַראַקטער, נאָר איז אויך מרמז אויף זייער באַטײַט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. מיר האָבן שוין געזען, אַז אַקסנפֿעלדס מיכל קערט זיך אום צוריק קיין מזרח מיט זײַנע נײַע קענטעניש; אויך אַבראַמאָוויטשעס הערשעלע גייט צוריק אַהיים מיטן געדאַנק פֿון איבערגעבן דאָס נײַע וויסן. מאָטעק וויל אויך איבערגעבן דאָס, וואָס ער האָט געזאַמלט בשעת ער איז געווען אין דער פֿרעמד, אָבער דאָס זײַנען נישט קיין אידעאַלן, נאָר בלויז ממתּקים. ווי אַזוי זאָל אַ נדבֿה העלפֿן ייִדן אין אַ לאַנד, ווו די גוואַלד־מעשׂים קענען זיי האַלטן אין איין וואַקסן? מאָטעק אַליין אָבער האַלט, אַז זײַן ווירקונג וועט זײַן גאָר אַ גרויסע: „גלויבט מיר, מע קוקט שוין דאָרט אַרויס אויף מיר, ווי אויף משיחן" (86). אויב אַן „אתרוגים"־סוחר איז איצט דער, וואָס וועט אויסלייזן דאָס

ייִדישע פֿאָלק, איז דער פּראָגנאָז פֿאַרן ייִדישן עתיד גאָר אַ שלעכטער.

די טעמעס, וואָס ווערן אָנגערירט אין מאָטעק לעבנס־באַשרײַבונג ווערן פֿאַרשטאַרקט דורכן גערעם. אײן טעמע איז בילדונג און השׂכּלה. דער קאָמי־וואָיאַזשער איז מרמז אין זײַן אַרײַנפֿיר, איידער ער שטעלט פֿאָר זײַן „נײַעם באַקאַנטן,״ אַז ער וועט איבערגעבן אַ מין בילדונסראָמאַן, אַן בילדונג אין קלאַסישן זינען. אין דער באַן, זאָגט ער, באַגעגנט מען אַ מאָל אַ קלוגן סוחר אָדער אַן אינטעליגענטן מענטשן, וואָס איז אויסגעוווּען אַ וועלט, פֿון וועלכן מען קען זיך עפּעס אויסלערנען. מאָטעק פּאַסט אָבער אַרײַן אין אַ דריטער קאַטעגאָריע פֿון מענטשן, וואָס סתּם רעדן זיי – און „נאָר פֿון זיך״ (71). פֿאַר וואָס האָט דער קאָמי־וואָיאַזשער אים אַרײַנגעשטעלט אין אָט דער קאַטעגאָריע? ער איז דאָך אַ סוחר, וואָס האָט געמאַכט אַ סך געלט און דערצו איז ער געפֿאָרן איבער דער וועלט: האָט ער נישט קיין ניצלעכע איבערלעבונגען איבערצוגעבן? דער אמת איז, אַז דער געדאַנק פֿון ווײַטערגעבן זײַן וויסן אַ צווייטן אינטערעסירט אים אין גאַנצן נישט: ער טראַכט שטענדיק נאָר וועגן זיך. אויב אַזוי, טאָ פֿאַר וואָס וויל ער אַזוי שטאַרק דערציילן? ס׳איז מיגלעך, אַז ער וויל זיך באַרעכטיקן: ער פּרוּווט, למשל, צו באַווײַזן, אַז ער איז אַן „אָרענטלעכער סוחר״ (80). ס׳איז אויך מיגלעך, אַז ער האָט ליב, זיך צו באַרימען, און זוכט אַ צוהערער, וואָס וועט זיך וווּנדערן, ווען ער נעמט אַרויס זײַן פֿול געשטאָפּטן טײַסטער. זיכער איז אָבער אויך, אַז ער האָט ליב גלאַט צו רעדן, מעשׂה דריטע קאַטעגאָריע. דערווײַ איז ער מרמז, ווען ער זאָגט אויס אַן עיקר זײַנעם, אַז אַנדערע זאָלן אַרבעטן פֿאַר אים און נישט פֿאַרקערט. ער דערמאָנט עטלעכע זאַכן, וואָס ער האָט ליב צו טאָן בשעת אַנדערע האָרעווען: טרינקען ביר, רייכערן און „דערציילן געשיכטן״ (79). מ׳רעדט פֿון הנאה וועגן, ווי מען האָט הנאה פֿון אַ גוטן ציגאַר.

מ׳רעדט סתם. אַ מאָל, אין משׂכּילישע צײַטן, האָט רעדן געהאַט אַ תּכלית, און דאָס וואָרט איז געווען דאָס מיטל, דורך וועלכן מ׳האָט פֿאַרשפּרייט בילדונג. איצט, ווען אַלע משׂכּילישע אידעאַלן האָבן באַנקראָטירט, וואָלט נישט געפּאַסט, אַז דער העלד פֿון אַ בילדונגסראָמאַן זאָל האָבן בדעה, דעם לייענער עפּעס אויסצולערנען. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער רעדט נאָר פֿאַר זיך.

ס׳איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז דער קאָמי־וואָיאַזשער באַמערקט, אַז ס׳איז יאָ מיגלעך, עפּעס אויסצולערנען אין דער באַן, אויב מען טרעפֿט זיך אָן מיטן ריכטיקן מענטשן. אין אָט דער נאָך־משׂכּילישער צײַט איז דער אָרט פֿון בילדונג די באַן: דאָס הייסט ערשטנס, אַז ס׳איז ריינער צופֿאַל, צי מען וועט בכלל זיך טרעפֿן מיט עמעצן, וואָס קען עפּעס, און צווייטנס, אַז די „לעקציע״ וועט מסתּמא איבערגעריסן ווערן, ווען איינער דאַרף אַראָפּגיין. אַפֿילו אויב עס וואָלטן נאָך געווען בכּבֿודיקע פּרינציפּן, איז נישטאָ קיין אָרט, זיי אויסצולערנען.

אַ צווייטע און גרעסערע טעמע איז מאָטעקס כאַראַקטער. מיר האָבן געזען, אַז ער גיט איבער אַ סך וועגן זיך דורך זײַנע רייד: וואָס ער זאָגט און ווי אַזוי ער זאָגט עס. דער קאָמי־וואָיאַזשער גיט צו צו דעם אויף עטלעכע אופֿנים.

ערשטנס דורך באַשרײַבונג. דער קאָמי־וואָיאַזשער גיט איבער, ווי מאָטעק זעט אויס און אַ מאָל דערמאָנט זײַנע באַוועגונגען. די באַשרײַבונג שטרײַכט ספּעציעל אונטער דעם סוחרס אשירות: זײַן אָנטועכץ, למשל, ווערט פּרטימדיק געשילדערט (73), און שפּעטער דערמאָנט דער קאָמי־וואָיאַזשער אַ באַוועגונג, וואָס ווײַזט אָן אויפֿן גבֿיר: „מיט די ווערטער טוט מײַן פֿאַרשוין אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפֿט זיך מיט טויזנטער״ (אאַז״וו, 82). געלט איז דאָך געוואָרן דער עיקר. אַן אַנדער שטיקל באַשרײַבונג גראָבט אונטער מאָטעקס טעקסט: ער טענהט, אַז זײַן שטיפֿטאַטע האָט אים אויסגעדרייט אַ האַנט, און אַז מען זעט נאָך סימנים דערפֿון.

באַמערט דער קאַמי־וואַיאַזשער: „און מײַן נײַער באַקאַנטער פּאַרקאַטשעט אַן אַרבל און ווײַזט מיר אַ ווײכע, געזונטע פּוכקע האַנט״ (75). קיין סימנים פֿונעם שטיפֿטאַטעס אכזריות זײַנען נישטאָ. דאָ, שוין אינעם ערשטן טייל, קען דער לייענער טאַקע כאַפּן מאַטעקן בײַם זאָגן אַ ליגן, און דערנאָך היט מען זיך שטענדיק פֿאַר דעם וואָס ער זאָגט.

צווייטנס, דעם קאַמי־וואַיאַזשערס געדאַנקען. ער פֿרעגט זיך עטלעכע מאָל, וואָסער מין סוחר איז דער נײַער באַקאַנטער זײַנער, ספּעציעל במשך און צום סוף פֿונעם צווייטן טייל, וואָס האַנדלט דווקא וועגן זײַנע געשעפֿטן. אַזוי ווערט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם לייענער שטענדיק געצויגן אויף דער סודותדיקער סחורה, וואָס מ׳טאָר נישט אָנרופֿן בײַם נאָמען. במילא ווערט מען שטענדיק דערמאָנט אין דער אומאָנשטענדיקייט פֿון מאַטעקס באַרוף.

דריטנס, דורכן קאַמי־וואַיאַזשערס שווײַגן: ער רעדט נישט אַרויס קיין איין וואָרט, ביז ס׳איז כמעט צו שפּעט. מיר וואָלטן דאָס געקענט אויסטײַטשן ווי די אָפּשפּיגלונג פֿון דער הילפֿלאָזיקייט פֿונעם קאַמי־וואַיאַזשער בפֿרט און פֿונעם ייִדישן פֿאָלק בכלל קעגן דער מאַכט פֿון געלט און שוואַרצע געשעפֿטן. ס׳איז אָבער דאָ נאָך אַ סיבה, וואָס באַלײַכט מאַטעקס כאַראַקטער. ער זאָגט, אַז ער האָט אינעם קאַמי־וואַיאַזשער גלײַך דערקענט אַ מענטשן „מיט וועמען מען קאָן רעדן אַ וואָרט״ (72). דאַכט זיך, אַז ער מיינט, אַז ער האָט דערקענט אַ מענטשן, וואָס וועט זיך צוהערן צו אים, אָן אים איבערצורײַסן. רעדן האָט ער זייער ליב, ווי מיר האָבן שוין געזען, אָבער אויב מען שטעלט אים אַ פֿראַגע, דאַרף ער געפֿינען אַ וועג, זיך אויסצודרייען דערפֿון – ווי מיר זעען צום סוף פֿון דער דערציילונג. ווידער אַ סימן, אַז זײַן באַרוף איז נישט קיין בכּבֿודיקער.

פֿערטנס, דורך דעם, וואָס ס׳איז טראָץ אַלעם אַ דיאַלאָג. מאַטעק ווייסט, אַז ער

רעדט צו אַ צווייטן, און זײַן טעקסט איז פֿול מיט אויסדריקן, וואָס זײַנען געוואָנדן דירעקט צום צוהערער, און וואָס חזרן זיך שטענדיק איבער. אַזעלכע רעפֿרענען זײַנען „איר הערט," „איר וועט מיר גלייבן צי ניט," „כאַ־כאַ־כאַ," „שאַט." די צווײ לעצטע ווײַזן ווידער אָן אויף דער אומאָנשטענדיקייט פֿון זײַן געשעפֿט. די אַנדערע, ספּעציעל „איר וועט מיר גלייבן צי ניט," גראָבן שטענדיק אונטער די גלייבעוודיקייט פֿון זײַנע דיבורים: וואָלט ער געדאַרפֿט דאָס פֿרעגן אַזוי אָפֿט, אויב אַלץ וואָלט געווען אַזוי קלאָר ווי וואַסער? מיט אָט די רעפֿרענען שאַפֿט שלום־עליכם אַ פּאָליפֿאָנישער עפֿעקט, וואָס מען קען פֿאַרגלײַכן מיט דער צוזמענשטעלונג פֿון עטלעכע שטימען אין אַבראַמאָוויטשעס ווערק. ווי געזאָגט, דאַרף מאָטעק נישט קיין צווייטן אָנצוווײַזן אויף זײַן צבֿיעות: ער גראָבט זיך אַליין אונטער.

אַזוי ווערן מאָטעקס שלעכטע אייגנשאַפֿטן איבערגעחזרט און אונטערגעשטראָכן נאָך און נאָך. אויב מיר פֿאַרגלײַכן אים איצט נאָך איין מאָל מיט יצחק־אבֿרהם, וועלן מיר זען, אַז ער איז טאַקע אַ קליין מענטשעלע לויט יענעמס דעפֿיניציע. דרײַ שטריכן צייכענען אויס דאָס קליינע מענטשעלע. יצחק־אבֿרהם פֿאַרסך־הכּלט צווײ דערפֿון אַזוי: „בײַ דער זײַט האָבן געלט הייסט זײַן אַ קליין מענטשעלע, און אַ קליין מענטשעלע הייסט חנפֿנען, צבֿיעטשען, וואָס אין דער קאָרט" (136). דעם דריטן גיב איך איבער אין ר׳ איסרס ווערטער: „יעדער מוז זוכן זײַן טובֿה" (135). מאָטעק האָט געלט, דער אמת גייט אים גאָר נישט אָן, און ער זאָרגט רק און בלויז פֿאַר זיך.

פֿאַראַן אָבער גרויסע אונטערשיידן צווישן די צווײ העלדן און די צווײ ווערק. איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס יצחק־אבֿרהם איז זיך מתוודה, אַז ס'איז שלעכט צו זײַן אַ קליין מענטשעלע, און אַז ער זאָגט דעם לייענער זייער קלאָר, אין וואָס אַ קליין מענטשעלע באַשטייט. דערצו גיט ער איבער באריכות גוטמאַנס „גוטע" פרינציפּן. אמת, דאָס מענדעלע־גערעם גראָבט אין אַ געוויסער מאָס אונטער די

משׂכּילישע אידעאַלן, אָבער די קעגן־שטים בלײַבט אין דרויסן. אין אַבראַמאָוויטשעס מעשׂה קען מען אָנרופֿן דאָס שלעכטס בײַם נאָמען און עס דעפֿינירן פּרעציז. אין שלום־עליכמס דערציילונג איז דאָס אוממיגלעך. ערשטנס איז נישטאָ קיין נאָמען אָדער דעפֿיניציע פֿאַר דעם, וואָס מאָטעק איז. „קליין מענטשעלע" איז אַ פֿאַרפּיקסירטער אויסדרוק, וואָס האָט תּמיד די נעגאַטיווע קאָנאָטאַציעס, וואָס מיר האָבן שוין אָנגעגעבן. „מענטש" אָבער, די באַצייכענונג פֿון יענעם, וואָס קומט פֿון בוענאָס־אײַרעס, איז פּילטײַטשיק, ספּעציעל אין אונדזער דערציילונג. אידעאָמאַטיש ווײַזט אַן דאָס וואָרט אויף גוטע פּערזענלעכע אייגנשאַפֿטן, אָבער עס קען סתּם באַצייכענען אַ פּאַרשוין אָדער, מער ספּעציפֿיש, אַן אָנגעשטעלטן. מאָטעק ניצט דאָס וואָרט נישט אינעם אידעאָמאַטישן זינען, נאָר לויט די נייטראַלע טײַטשן; ס'איז אָבער קלאָר, אַז די מענטשן, וואָס ער רעדט וועגן זיי, זײַנען אומאָנשטענדיקע. אַם בולטסטן איז דאָס, ווען ער זאָגט „מענטש" און מיינט „אָנגעשטעלטן" (74, 81). ס'איז אוממיגלעך, אַז די דאָזיקע „מענטשן" זאָלן האָבן בכבֿודיקע פּרינציפּן, ווײַל זיי האָבן שוין אָנגענומען די אַרבעט פֿון אַן אומאָנשטענדיק געשעפֿט. נישט געקוקט אויף דעם, קלינגט דער פּאָזיטיווער אידיאָמאַטישער טײַטש מיט, אַזוי, אַז ס'איז שוין זייער איראָניש, מען זאָל אָנרופֿן גראָד די אָנגעשטעלטע „מענטשן." ווען שלום־עליכם ניצט דאָס וואָרט אין דעם זינען אין אונדזער טעקסט, שטעלט ער עס אַרײַן אין גענדזן־פֿיסלעך: אַזוי איז ער מרמז, אַז עס האָט עפּעס נישט דעם געוויינטלעכן באַטײַט; און נאָך מער: ער שאַפֿט דעם רושם, אַז די פֿרויען־הענדלער באַניצן זיך מיטן וואָרט אויף צו באַצייכענען זייערע אָנגעשטעלטע ווי אַ מין קאָד, כּדי „שוואַרץ" זאָל הייסן „ווײַס." דאָס איז גענוי דער מעטאָד, מיט וועלכן מאָטעק באַניצט זיך, כּדי צו פֿאַרשטעלן און צו פֿאַרפּוצן דעם אמת. אַזוי ווערט די שפּראַך אונטערגעגראָבן, און דערדורך דעם באַגריף פֿון גוטס און שלעכטס: ס'איז קלאָר, אַז אַ „קליין מענטשעלע" איז אַ שלעכטער, אָבער אַ „מענטש"?

דאָס, וואָס ס'איז מער נישט מיגלעך אונטערצושיידן צווישן גוטס און שלעכטס, איז אײַנגעבויט אין דער סטרוקטור גופֿא, אינעם שײַכות צווישן דער „מעשה אַליין" און דעם גערעם. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז בײַ אַבראַמאָוויטשן קומט די קעגנשטים פֿון דרויסן, און אַז די פּאַליפֿאָניע ווערט געשאַפֿן דורכן גערעם. מיר האָבן אויך געזען, אַז דאָס גערעם פֿון שלום־עליכמס דערציילונג פֿונקציאָנירט נישט קעגן די טעמעס פֿון דער מעשה גופֿא, נאָר שטרײַכט זיי אונטער; די פּאָליפֿאָניע ווערט געשאַפֿן פֿון אינעווייניק, דורך די פֿאַרשיידענע ניוואָען אין מאָטעקס שפּראַך. בײַ אַבראַמאָוויטשן קען אַ קלוגער מענדעלע קוקן פֿון דרויסן און זען, וואָס ס'קומט פֿאָר; אין שלום־עליכמס דערציילונג איז מער נישטאָ אַזאַ מרחק: פֿאַרענטפֿערן די מאָראַלישע פּראָבלעמען פֿון דער וועלט קען מען שוין פֿאַרגעסן – מען קען זיי אַפֿילו נישט אויסטיילן און דעפֿינירן.

לסוף ווערט אָנגעוויזן אויף דער אוממיגלעכקייט, אויסצובעסערן אָט דעם מאָראַלישן מיש־מאַש, דורכן נאָכמאַכן די פֿאָרעם פֿון אַ בילדונגסראָמאַן – אָבער ס'איז אַ בילדונגסראָמאַן, וואָס באַשטייט נאָר פֿון רייד און האָט קיין שום פּרעטענזיעס, דעם לייענער עפּעס אויסצולערנען. אויב ס'איז נישטאָ קיין מיטל, איבערצוגעבן גוטע מידות, איז קלאָר, אַז די שלעכטע וועלן האָבן די שליטה. די גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן פֿון דער השׂכּלה טויגן מער נישט, און דאָס קליינע מענטשעלע – וואָס מען קען אים מער נישט דערקענען אויף זיכער, ווײַל ער רופֿט זיך אָן „מענטש" – איז דער גאַנצער בעל־הבית.

ס'איז שוין אויס – שוין אויס די השׂכּלה,
דאָס קליינע מענטשעלע האָט די ממשלה.

**ביבליאָגראַפֿיע**

מענדעלע מוכר־ספֿרים. האישון הקטן – דאָס קליינע מענטשעלע. תּרגום, ערך והביא לדפוס שלום לוריא. חיפֿה: הוצאת הספֿרים של אוניבֿרסיטת חיפֿה, 1984.

---------. טבעת המופֿת – דאָס ווינטשפֿינגעל / פֿישקע החיגר – פֿישקע דער קרומער. תּרגום, ערך והביא לדפוס שלום לוריא. חיפֿה: הוצאת הספֿרים של אוניבֿרסיטת חיפֿה, 1994.

שלום־עליכם. אַלע ווערק. ב׳ 26. ניו־יאָרק: ספּעציעלע „מאָרגן־פֿרײַהייט" אויסגאַבע, 1937. 28 בב׳.